בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת
פַארְ'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## שׁוֹבָבִי"ם

אִידִישׁ

מהדורת פיש

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# לִקּוּט מִכְתָּבִים

בעזהשי"ת

"דִי טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם זֶענֶען זֵייעֶר
מְסוּגָל צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"

(קונטרס עצתו אמונה, משפטים, תשפ"א)

דער ראש ישיבה שליט"א ברענגט כסדר אין די בריוון דעם מאמר חז"ל (שמות רבה יט, ד) אויפן פסוק (איוב לא, לב): "'בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר', אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה", דער אייבערשטער ווארפט נישט אוועק קיין שום מענטש, "אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל", מען נעמט יעדן איינעם צוריק "הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה", די טירן זענען שטענדיג אפן, "וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", ווער עס וויל צוריקקומען צום אייבערשטן קען שטענדיג צוריקקומען צו אים; בפרט אין די טעג פון שובבי"ם וואס איז מסוגל צו תשובה טון און אלעס פארריכטן.

מיט א דאנק און לויב צום אייבערשטן האבן מיר צאמגענומען בריוון פון עצתו אמונה און איש אמונות וואס רעדן זיך פון צען נקודות וואס דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו, די ערשטע בריוו אינעם קונטרס, אז דורך טון די צען זאכן וועט מען אלעס מתקן זיין.

באמת זענען דא נאך דא פילע בריוון פונעם ראש ישיבה וואס רעדן זיך פון נאך נקודות, און נאך תיקונים, אבער היות אין דעם בריוו האט דער ראש ישיבה צאמגענומען אין א סדר צען תיקונים, השוים לכל נפש, האבן מיר מסדר געווען דעם קונטרס לויט דעם בריוו, ועוד חזון למועד בעזרת השם.

מכון עצתו אמונה

# מהדורת פיש

הספר הקדוש הזה נתנדב על ידי

מוה"ר **יעקב שאול פיש** הי"ו

וזוגתו **שרה** תחי'

וילדיהם

**אליעזר שלמה, מירל**

שיחיו

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא.

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון.

**לֵייג דִיךְ אַרַיין אִין דִי צֶען זַאכְן, וֶועסְטוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע דַיינֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע צְוֵויי בְּרִיוו.

דֶער צְוֵוייטֶער בְּרִיוו אִיז אַן עֶנְטְפֶער אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן בְּרִיוו. דוּ פְרֶעגְסְט אִינֶעם עֶרְשְׁטְן בְּרִיוו וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אִינֶעם צְוֵוייטְן בְּרִיוו שְׁרַייבְּסְטוּ אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ, הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, טָמֵא גֶעוָוארְן אוּן מְטַמֵּא גֶעוֶועזְן אַנְדֶערֶע. דָאס אִיז וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט דִיר, אַז דוּ פְרֶעגְסְט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר נִמְאָס; וַויי אוּן בִּיטֶער אִיז - אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, מֶען וֶוערְט פַארְשְׁנִיטְן, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ ווִילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן בִּיז אַהֶער - זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין דִי פָּאר נְקוּדוֹת:

1) גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

2) דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת מִיט אַ סִידוּר.

3) זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - יֶעדְן טָאג [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].

4) נָאךְ שַׁחֲרִית זִיךְ וַואשְׁן אוֹיף בְּרוֹיט, עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּשִׂמְחָה, מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער.

5) לֶערְן חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער צְוֵוייטֶער שִׁיעוּר זָאל זַיין מִשְׁנַיוֹת, זָאג מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן בְּלִי הֲבָנָה. מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן ח״י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס הַרְגְ׳עֶט דֶעם יֵצֶר הָרָע. הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינְט פוּן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה דוּרְךְ דִי סְגוּלָּה פוּן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם.

נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא. לֶערְן שַׁ״ס כְּסִדְרָן, זָאג דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע שֵׁדִים, קְלִיפּוֹת, מַשְׁחִיתִים אוּן מַזִּיקִין – וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן פוּן אַלֶע טִפּוֹת לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

6) זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן. אַז דוּ קֶענְסְט זֵיי בַּאזוּכְן – גֵיי זֵיי בַּאזוּכְן, אוּן אַז נִישְׁט – זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, רֶעד מִיט זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

7) הִיט שַׁבָּת אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת.

8) גֵיי הֶפָצָה, בְּרֶענְג צוּרִיק נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וֶועט מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דִי אַלֶע וָואס דוּ הָאסְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען.

9) וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֵויין צוּ אִים, רֶעד צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיר שׁוֹין גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר דֶער וָואס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ אִים, בֶּעט אִים אוּן טַעְנָה׳ט מִיט אִים.

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע הֵיילִיגֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דִי תְּפִילוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת וֶוען זֵיי הָאבְן נִישְׁט זֵייעֶר שִׁידוּךְ אוּן זֵיי ווִילְן זַיין גוּט, נָאר זֵיי פַאלְן אוּן פַאלְן. וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעבֶּעט, מִיט טְרֶערְן, זֵיי וֵויינֶען: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג? וָואס קֶען אִיךְ טוּן נִישְׁט צוּ פַאלְן? וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ זַיין הֵיילִיג? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין, אִיךְ פַארְלִיר מַיין בְּחִירָה, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר נִיאוּף, טַאטֶע גִיוַואלְד, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר פוּן נִיאוּף אִין מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ!״** דַאן קוּמְט דֶער מַלְאָךְ אוּן נֶעמְט אַרוֹיף דִי תְּפִילוֹת אוּן מַאכְט פוּן דֶעם אַ שֵׁיינֶעם קְרוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי נַיין נְקוּדוֹת אוּן דוּ וֶועסְט צוּלֵייגְן דִי צֶענְטֶע זַאךְ, דוּ וֶועסְט אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ – וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין.

בְּרוּדֶער בַּאנֵיי זִיךְ, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען. נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג

זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דַיין עָבַר, זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין און זִיךְ אוֹיסְוַויינֶען, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג - פַארְגֶעס, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען; לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אִין דִי צֶען זַאכְן: מִקְוֶה; תְּפִלָּה; תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; פַּת שַׁחֲרִית; לִימּוּד הַתּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); כִּיבּוּד אָב וָאֵם; שַׁבָּת; הֲפָצָה; הִתְבּוֹדְדוּת; שִׂמְחָה - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

...

## א) גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג

### דוּרְךְ זִיךְ טוֹבֵל'עֶן אִין מִקְוֶה אַנְטְלוֹיפְן אַלֶע קְלִיפּוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דֶער עֶרְשְׁטֶער תִּיקּוּן אִיז מִקְוֶה".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה, דֶעמָאלְט טוֹבֵל'ט מֶען זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל. מֶען אִיז זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דֶער זֶעלְבֶּער לָשׁוֹן פוּן תִּקְוָה, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן". דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּ גֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען".

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג. דָאס וָואס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אַז מֶען פַאלְט אַרַיין פְּלוּצְלִינְג אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, דָאס קוּמְט פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט, זֵיי נֶעמֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מַאכְן אִים דֶערְבִּיטֶערְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:), וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס שְׁטֵייעֶן אַרוּם זִיךְ, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר וָואלְט גֶע'חַלֶשְׁ'ט פוּן שְׁרֶעק; וֶוען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה פַארְלִירְן זֵיי דִי שַׁיְיכוּת מִיטְן מֶענְטְשׁ, וַוייל קְלִיפּוֹת זֶענֶען רוּחַ, אוּן רוּחַ מִיט מַיִם גֵייעֶן נִישְׁט צוּזַאמֶען. דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן נד), אוֹיבּ מֶען הַאלְט אֵיין דִי אָטֶעם אוּנְטֶערְן וַואסֶער, וִוי לַאנְג מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָטֶעמֶען, דֶעמָאלְט וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע דִינִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת כב), "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁתָּבַע אִשָּׁה לִדְבַר עֲבֵירָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוָואלְט טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ מֵיידְל, הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֵיקָא, יֵשׁ לְךָ אַרְבָּעִים סְאָה שֶׁאַתָּה טוֹבֵל בָּהֶן", דוּ לֵיידִיגֵייעֶר, הָאסְט דֶען אַ מִקְוֶה ווּאוּ זִיךְ צוּ טוֹבֵל'ן נָאךְ דִי עֲבֵירָה? "מִיַּד פָּרֵשׁ", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מִקְוֶה, הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה; אַלֶע פְרֶעגְן שׁוֹין, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דִי מִקְוֶה הָאט אִים צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה, אוֹיבּ אִיז עֶר אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל גֵיין זִינְדִיגְן וְכוּ', וָואס אִיז אִים אַ חִילוּק צִי עֶר וֶועט יָא גֵיין אִין מִקְוֶה אָדֶער נִישְׁט? נָאר דֶער קַשְׁיָא אִיז דֶער תֵּירוּץ, דָא זֶעט מֶען וָואס מִקְוֶה אִיז, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה, עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, וֶועט אִים דִי מִקְוֶה צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּן עֲבֵירוֹת.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר... אָחִי הַיָּקָר וְהַנַּעֲלֶה, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לָאמִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה, דַארְפְן מִיר גֵיין אִין מִקְוֶה. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְן

הַיינְט שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע מִקְוָאוֹת, מִיר דַארְפְן נִישְׁט גֵיין אִין טַייךְ, מִיר דַארְפְן נִישְׁט בְּרֶעכְן דִי אַייז וְכוּ׳, מִיר דַארְפְן נָאר בְּרֶעכְן אוּנְזֶער פוּילְקֵייט, מִיר דַארְפְן צֶעבְּרֶעכְן אוּנְזֶער תֵּירוּצִים וְכוּ׳. יֶעדֶע טְבִילָה וָואס מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ דָא אִיז נָאךְ קְדוּשָׁה, נָאךְ טָהֳרָה.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**זָאל אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, סְפֶּעצִיעֶל ווִיל אִיךְ גֵיין אוֹיבּ אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶער עֶס מִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, ווייל אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אִין דִי מִקְוֶה, אוּן נָאכְדֶעם בְּלַייבּ אִיךְ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ נָאךְ שְׁלֶעכְטְס.

דַארְף אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה? אִיז גֶענוּג פַּאר מִיר צוּ נֶעמֶען אַ שׁוּיעֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבְבִי״ם, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מִקְוֶה" (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא), וֶוען מֶען ווִיל מְתַקֵן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּכְלָלִיּוּת אוּן בִּפְרָטִיּוּת אִין פְּגַם הַבְּרִית - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ ׳מִקְוֶה׳. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", אַז מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

גֵיי פְרִי וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז לֵיידִיג - אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער. הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה, זַיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה - בִּפְרַט וֶוען דוּ דַארְפְסְט אַ מִקְוֶה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוְוּיסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַ מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְרֶעכֶן - קֶען קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶעכְגֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ב) דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, מִיט אַ סִידוּר

### קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.): "מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה", אַזוֹי וִוי אַ טַייךְ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין אַ טַייךְ - וֶוערְט עֶר טָהוֹר, "אַף אֹהָלִים", אַזוֹי אוֹיךְ אַ שׁוּל, "מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת", נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם עֶס נִישְׁט גְרִינְג, מֵיין נִישְׁט עֶס אִיז אַ קְלֵיינִיקֵייט, וַוייל נָאר אַז מֶען דַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן - בְּלַייבְּט מֶען אִידִישׁ אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל קוּמֶען אִין שׁוּל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת".**

...

**פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אַנְטְלוֹיף צוּם שׁוּל דַאוֶנֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת - שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; דַאוֶונְען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, מִיט אַ סִידוּר; דָאס זָאל זַיין דַיין שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, דַיין ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - וַוייל דָאס הַאלְט דֶעם אִיד שְׁטַארְק צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, דוּ וֶועסְט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, עֶס וֶועט דִיר אוּנְטֶערְקוּמֶען שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; אֵיין טָאג וֶועסְטוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט פַּרְנָסָה, אַ צְוֵוייטֶע טָאג מִיט דַיין וַוייב, אַ דְרִיטֶע טָאג מִיט אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען - דָאךְ זָאלְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דִי זַייט, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן דַאוֶונֶען - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם שׁוּל אוּן דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם - וֶועסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

...

## ג) זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי יֶעדְן טָאג

### שְׁטוּפּ נִישְׁט אָפּ דָאס זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא), וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", דַארְף

גָארְנִישְׁט זָארְגְן, וַוייל עֶר הָאט דוּרְכְדֶעם מְתַקֵּן גֶעוֶוען זַיינֶע חֲטָאִים. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם), וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט מֶען זָאל זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וֶועט עֶס זַיין שְׁוֶוער צוּ זָאגְן; מֶען זֶעט טַאקֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן תֵּירוּצִים - בַּאלְד, מָארְגְן, שְׁפֶּעטֶער; אַבִּי נִישְׁט יֶעצְט, וַוייל דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַארְן מֶענְטְשׁ, און מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דֶעם פְלֶעק וָואס מֶען הָאט זִיךְ פַארְפְלֶעקְט.

דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר דִי גְמָרָא (בְּכוֹרוֹת ח:) דִי סַבָא דְבֵי אַתּוּנָא הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט: "רְצִיצָא דְמָיְת בְּבֵיעוּתֵהּ, הֵיכָא נָפֵק רוּחָא, וְאָמַר לְהוֹ בְּהַיְנוּ דְעָאל", וֶוען אַ פֵייגְל שְׁטַארְבְּט בִּשְׁעַת עֶס אִיז נָאךְ אִינֶעם אֵיי, פוּן וואוּ גֵייט אַרוֹיס דִי רוּחַ פוּן דִי פֵייגְל, דֶער אֵיי אִיז דָאךְ פַארְמַאכְט? הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ פוּן וואוּ עֶס אִיז אַרַיין", אִיז דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה) אַז דָא לִיגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֵצָה, וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ לֶערְנֶען דֶערְפוּן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. וואוּ עֶר זָאל זִיךְ פַארְלֵייגְן וֶוען עֶר דַאוֶוענְט, און וואוּ עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן וֶוען עֶר לֶערְנְט; דָאס פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: פוּן וואוּ וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין וֶוען עֶר דַאוֶוענְט און בַּיי אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם? עֶנְטְפֶערְט מֶען אִים: "בְּהַיְנוּ דְעָאל", דָארְט וואוּ עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, דָארְט וִוי עֶס קוּמֶען אִים אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת דָאס אָפְּצוּשְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דֶערְפַאר, אַז דוּ זֶעסְט וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטוּפְּט דִיר אָפּ יֶעדְן טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" מִיט פַארְשִׁידֶענֶע תֵּירוּצִים, בַּאלְד, מָארְגְן, שְׁפֶּעטֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָא אִיז דֶער פְּלַאץ וואוּ דוּ זָאלְסְט צוּרִיק זָאגְן: "אִיךְ גֵיי יֶעצְט זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי". דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית - מִיט דִי תְּפִילִּין דְרַבֵּנוּ תַּם, וַוייל אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן אָפְּשְׁטוּפְּן מִיט תֵּירוּצִים, בַּאלְד, שְׁפֶּעטֶער, מָארְגְן, נֶעכְטְן, צוּם סוֹף שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן כט) אַז זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה; גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען לוֹיפְט יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְן פַּרְנָסָה, פַאְרְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען אַ סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶוען דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַלֶע רְפוּאוֹת, אוּן פַּרְנָסָה אוֹיךְ? עֶס מֶעקְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן פוּן הַיינְט וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע אָפְּמַאךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען מִיט דִי טַלִּית וּתְפִילִין, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען מֶען זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי גְלַייךְ נָאךְ דִי עֲבֵירָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי בְּרִיו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הֶעלְפְט אוֹיךְ אוֹיפְן עוֹבֵר זַיין אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית בְּמֵזִיד רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶעג מֶען זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי גְלַייךְ נָאכְן עוֹבֵר זַיין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָדֶער אִיז דָאס שׁוֹין חוּצְפָּה קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן בִּשְׁעַת כַּעֲסוֹ נָאר וַוארְטְן אַבִּיסְל.

אוֹיךְ אוֹיבּ קֶענְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל מֶער אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן מֵזִיד וְכוּ׳; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ אִיד זָאל זִינְדִיגְן בְּמֵזִיד, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פט) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): "'עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה', כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי הָעֲבֵרָה גּוֹרֶרֶת אוֹתוֹ לַעֲבֹר עֲבֵירוֹת אֲחֵרוֹת וְכוּ'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם, שְׁלֶעפְּט אִים דִי עֲבֵירָה צוּ זִינְדִיגְן אִין נָאךְ אַן עֲבֵירָה וְכוּ'; קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיב מֶען הָאט אֵיינְמָאל גֶעזִינְדִיגְט בְּשׁוֹגֵג וֶועט דָאס אִים שׁוֹין שְׁלֶעפְּן צוּ נָאךְ עֲבֵירוֹת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן דֶערְפוּן, דֶעריבֶּער - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ - אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז אַ אִיד וָואס זַיין נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל זָאל זִינְדִיגְן בְּמֵזִיד, נָאר עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן בְּשׁוֹגֵג אִין אַן עֲבֵירָה, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אִים נֶעבֶּעךְ וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער צוּ טוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אַוֶועק לֵייגְן אוּנְזֶער שֵׂכֶל אִין פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִיךְ צוּ גֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דֶער "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", אָן קַיין קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ אוּן אָן קַיין סְפֵיקוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צב) אַז וֶוער עֶס וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ - דֶער "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" וֶועט פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט פְּגַם הַבְּרִית.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם; וּבְשִׂיחוֹת שֶׁאַחַר הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת), נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. דֶער עִיקָּר תִּיקּוּן הַבְּרִית - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - אִיז "נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן"; אֵיינְמָאל מֶען הָאט גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי זָאל מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן מִצְוֹת.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיב מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן דָארְטְן זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועט מֶען זִיכֶער פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן דָארְט זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט,

עז, צ, קה, קלז, קנ], און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט, אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; דֶערְפַאר אַז דוּ ווילְסְט פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, כַאפּ דִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן, און זָאלְסְט זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

...

## וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי פַּאנְצֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים אַז דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פַּאנְצֶער, עֶר הָאט אָבֶּער אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן דִי מַעֲשֶׂה, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֵייגֶעריג צוּ וויסְן וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט רְמָזִים פוּן דִי מַעֲשֶׂה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיים סוֹף פוּן סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק בְּרֶענְגְט דָארְט מוֹהֲרָא"שׁ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דִי בְּרוֹיט, אָבֶּער אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּאנְצֶער שְׁרַייבְּט עֶר אוֹיךְ נָאר רְמָזִים.

אִיךְ וויל וויסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דִי פַּאנְצֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיר מַעְתִּיק זַיין דִי מַעֲשֶׂה בְּקִיצּוּר לוֹיט ווִי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט

דָאס אִינֶעם בְּרִיווּ (הוּבָא בְּסוֹף סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, דַף תשלג). וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ פַּאנְצֶער, אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין מִלְחָמָה טוּט מֶען זִיךְ אָן אַ פַּאנְצֶער, אֲפִילוּ מֶען שִׁיסְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ טוֹיטְלִיכֶע פַּיילְן גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דֶער פַּאנְצֶער בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דִי פַּיילְן פַאלְן אַרָאפּ, אוּן אֲפִילוּ אִין פַאל דֶער פַּאנְצֶער צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע'הַרְגֶ'עט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ'.

אִין דֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶעם סוֹד פוּנֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; דֶער וָואס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ) - וֶוערְט בַּאשִׁיצְט מִיט דֶעם אַזוֹי וִוי אַ פַּאנְצֶער, דִי פַּיילְן קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אִים צוּלִיבּ דֶעם פַּאנְצֶער. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם וֶועט עֶס נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין זַיין נְשָׁמָה, צוּלִיבּ דֶעם פַּאנְצֶער - דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן אֲפִילוּ דֶער פַּאנְצֶער צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע'הַרְגֶ'עט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַז דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַן אֵייבִּיגֶע מִיתָה, עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן וְכוּ'. מוֹהֲרַנַ"ש פִּירְט דָארְט אוֹיס: "מֶער פוּן דֶעם טָאר אִיךְ נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן".

וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר גֶערֵיינִיגְט וֶוערְן פוּן אַלֶע חֲטָאִים אוּן זַיין נְשָׁמָה וֶועט מְתוּקָּן וֶוערְן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז; דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיסְהֵיילְן אַ מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשָׁאסְן גֶעוָוארְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע מִיט דִי טוֹיטְלִיכְסְטֶע פַּיילְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר לִיגְט אִין עשרא כתרא דמסאבותא הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - קֶען אִים דֶער רֶבִּי הֵיילְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס - דֶעם לֶעצְטְן טָאג), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶע

קֶענִיג וָואס הָאט פַארְכַאפְּט אַ בַּת מַלְכָּה און זִי אִיז אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם קֶענִיג, הָאט דֶער קֶענִיג אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער מֶען זָאל זוּכְן וואו זִי אִיז, בִּיז מֶען הָאט אִיר גֶעטְרָאפְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ שְׁלָאס פוּן וַואסֶער. אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶערִיגְן פֶעסְטוּנְג מִיט זַיין מִילִיטֶער אִיר כַאפְּן, וֶוען דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרַיין לוֹיפְן אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער און דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן וִוי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר', וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען וִוי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַיילְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמ'עֶן, מֶען הָאט אִיר גֶעשָׁאסְן מִיט דִי פַיילְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט טוֹיטְלִיכֶע סַם, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפּ גֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "און אִיךְ הֵייל זִי".

דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט חַלָשׁוּת, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ און מֶען גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און זָאגְט: "און אִיךְ הֵייל זִי", דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם און אַלֶעמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועם דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וְכוּ' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ פָאלְגְט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן און נֶעמְט זַיינֶע עֵצוֹת, אִיז עֶר זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ קְרִיכְן אִין זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין וְכוּ'; דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און אָנְהֵייבְּן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בְּעִיקָר דִי לִיכְטִיגֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ד) עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּשִׂמְחָה, מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער

**נֶעם נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט וָואס וֶועט דִיר שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקּוֹתַי, כ״ד אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

בְּנוֹגֵעַ צִי דוּ זָאלְסְט אָנְנֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט וְכוּ׳; לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען. דוּ בִּיסְט אַ אִיד, דַארְפְסְט דַאוֶּוענֶען אוּן לֶערְנֶען, דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין עֶבֶד כְּנַעֲנִי.

אַז דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין זַיין אוֹיפְ׳ן טְרָאק זֶעקְס אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס - וֶוען וֶועסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה? וֶוען וֶועסְטוּ דַאוֶּוענֶען? וֶוען וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר? נֶעם נִישְׁט אָן אַן אַרְבֶּעט וָואס דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין אַרְבֶּעטְן זֶעקְס אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס; וַוארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ פַּרְנָסָה קַלָּה וּנְקִיָּה.

הֵייבּ אָן דַיין טָאג וִוי אַ אִיד, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵיי אִין מִקְוֶה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָדֶער זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים, אָדֶער גֵיין דַאוֶּוענֶען אוּן נָאכְדֶעם אַבִּיסְל לֶערְנֶען. עֶס פַּת שַׁחֲרִית, פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסוּגָל אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אוֹיף הַצְלָחָה (בָּבָא מְצִיעָא קז:), נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

יֶעצְט אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן דַיינֶע, דִי יוּנְגֶע יָארְן, דִי יְמֵי הַבַּחֲרוּת נָאךְ דִי חֲתוּנָה - אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם לֶעבְּן.

זַיי קְלוּג, גֵיי אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אֵיינְמָאל אַ טָאג, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, זָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט נִסְיוֹנוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע רֵיינֶע פַּרְנָסָה, בְּלַייבּ מִיט דִי פַּרְנָסָה נְקִיָּה וְקַלָּה; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן מִיט מֵיידְלֶעךְ פַּאר נָאךְ גֶעלְט, עֶס וֶועט דִיר זַיין בִּיטֶער שְׁוֶוער, וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן רַייסְן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט:): ״הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה״, טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס דִי קָאפּ וֵויי.

בֶּענְטְשׁ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דַוְקָא פוּן אַ בֶּענְטְשֶׁער, נִישְׁט אוֹיסְנְוֵויינִיג - וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח. מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר עֲשִׁירוּת, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת - אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵויינִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ה) שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן

**מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר הַצְלָחָה - אִיז צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ אִיז דָאס אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן יט).

אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָל לְיִרְאַת שָׁמַיִם; וַוייל אִין הֲלָכָה וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ב): "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל לֶערְנֶען סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי רַשִׁ"י; זֶעט מֶען אַז דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי צֶען יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן לֵיל שִׁישִׁי בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ, עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן לִיגְט אִין דֶעם.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגּוּם, וֶועסְטוּ זֶען, עֶס וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן גְרוֹיסֶע זַאכְן בַּיי דִיר אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**בַּיי נִחוּם אֲבֵלִים, זֶעט מֶען וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א וָואס זִיצְט שִׁבְעָה נָאךְ זַיין בְּרוּדֶער הָרַב עַמְרָם עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אב"ד הַאמָארַאד. אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן, מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי נִחוּם אֲבֵלִים - וֶועט מֶען זֶען וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען רֶעדְט נָאר פוּן זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, פוּן זַיין דַאוֶונֶען, פוּן זַיין עֶרְלִיכְקֵייט, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט פוּן זַיין גֶעלְט, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט פוּן דִי הַייזֶער וְכוּ', מֶען רֶעדְט נָאר פוּן נָאךְ אַ נְקוּדָה טוֹבָה אוּן נָאךְ אַ נְקוּדָה טוֹבָה, דָאס אִיז זֵייעֶר מְחַזֵּק אוֹיף אוֹיסְנִיצְן דִי יָארְן וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ דָא - אוֹיף גוּטֶע זַאכְן.

הוֹיבּ אָן שׁוֹין הַיינְט לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ב): "וִירֵא

שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אוּן צַדִּיקִים זָאגְן אַז דֶער מְחַבֵּר אִיז מְרַמֵּז 'אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט יִרְאַת שָׁמַיִם - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן'; לָאז עֶס נִישְׁט אוֹיף סוֹף וָואך, הוֹיבּ אָן שׁוֹין הַיינְט, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל, ווַייל שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, מֶען קֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יט) אַז דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית.

יֶעצְט הוֹיבְּן מִיר אָן דֶעם זְמַן, סַיי מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, סַיי מִיט דִי יְשִׁיבָה; אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי בְּרִיווּ.

אַז דוּ ווִילְסְט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת. יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָגִיל אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הַיינְט נַאכְט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר.

אַ גוּטְן טָאג.

...

### גְרוֹיסֶע צַדִיקִים דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק. אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן ח"י פְּרָקִים יֶעדְן טָאג אוּן מְסַיֵים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ - אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם, וַוייל "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן, עֶס גֵייט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע מְשׁוּגַעַתְ'ן.

מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, וָואס מִשְׁנָה אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דִי וֶוערְטֶער (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

עֶס זֶענֶען דָא צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶעס אוּן הַיינְט זֶענֶען זֵיי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים נָאר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן מִשְׁנַיוֹת;

זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַסאךְ גוּטְס בִּיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְטְס אִיז פַּארְפַאלְן גֶעוָוארְן. אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר לִיגְט אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אוּן טוּט זֵייעֶר גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז): "דוּ טוּ גוּטְס, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן"; אַז דוּ זֶעסְט ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ טוּן אַסאךְ גוּטְס - וֶועט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה ווַייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט עֶר בָּטֵל וּמְבוּטָל, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר אַלֶעס לָאזְן טוּן אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

מִיר זִיצְן דָא אִין קֶעמְפּ אוּנְטֶערְן בּוֹים, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען פָּארְצוּלֶערְנֶען פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אַ בְּלַאט בַּבְלִי אוּן אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי יֶעדְן טָאג; דָאס אִיז אוּנְזֶער חַיּוּת, אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט גְמָרָא. דֶער גַאנְצֶער טָאג גֵייט אַנְדֶערְשׁ נָאכְן לֶערְנֶען גְמָרָא; מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי פִיר מַלְאָכִים: גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "גְמָרָא", דִי פִיר מַלְאָכִים זֶענֶען דִי מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן מַיין עֶנְקְזֵייעֶטִי?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צֵייט וָואס אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה

שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְקְזַייעֶטִי אִין וָואס אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן פַאר מֶער פוּן אַ יָאר צוּרִיק.

אִיךְ הָאב לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז עֶר לַיידְט פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְקְזַייעֶטִי פוּן אִיבֶּערְקוּקְן דִי גֶעז בַּיינַאכְט אוֹיב עֶס אִיז אוֹיפְגֶעדְרֵייט, הָאב אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער, עֶס אִיז מִיר נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען דִי קָאשְׁמַארְן פוּן יֶענֶע פַּיינְפוּלֶע טֶעג וִוי אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט בַּיינַאכְט מִיטְן אִיבֶּערְקוּקְן דִי גֶעז נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דִי גֶעז; דָארְט הָאט עֶס אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע, אָבֶּער מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק פְּחָדִים, עֶס הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ הָאב אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר עֶנְקְזַייעֶטִי, וַוייל אִיךְ הָאב גֶעהַאלְטְן אַז עֶס קֶען זַיין אַז פַאר נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאר אַבִּיסְל מוֹרָא פוּן זַאכְן הֶעלְפְּט טַאקֶע מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער נִישְׁט פַאר אַזַא קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וִוי אִיךְ. אִיךְ דַאנְק אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיךְ גֶעפִירְט אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִינְמִיטְן זוּמֶער אִין קָאנְטְרִי, אִיךְ פְלֶעג דֶעמָאלְט אַרַיינְגֵיין אַבִּיסְל אִין וַואלְד, נִישְׁט צוּ טִיף וַוייל אִיךְ הָאב מוֹרָא גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאב אַזוֹי גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּ אִיךְ? קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר הֶעלְפְן? קֶען מִשְׁנַיוֹת אוֹיךְ הֶעלְפְן פַאר אַזַא קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וִוי מִיךְ?"

אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אִיךְ הָאב אֵיינְמָאל גֶערֶעדְט צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז אוֹיב אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, קֶען אִיךְ עֶס נֶעמֶען, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען, אוּן דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ שׁוֹין גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ גֵיי טַאקֶע נֶעמֶען, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאב אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר דָאךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז דִי מֶעדֶעצִינֶען הֵיילְן נִישְׁט עֶכְט אוֹיס, עֶס אִיז נָאר גוּט פַאר צַייטְוַויילִיג וִוי לַאנְג מֶען נֶעמְט עֶס, אָבֶּער מִשְׁנַיוֹת וֶועט יָא אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן, נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט דָאךְ אַלֶעמָאל אַז מֶען קֶען נָאר זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין.

בִּיז אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ שִׁיעוּר, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוּקְט אוֹיף מִיר אוּן נֶעמְט זִיךְ שְׁרֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער: "דָאס אַז דוּ קוּקְסְט אוֹיס וִוי דוּ קוּקְסְט אוֹיס,

אָנְגְעפַּאקְט מִיט נֶערְוֶוען, אִיז וַוייל דוּ ווילְסְט נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דַיין קָאפּ צוּם רֶבִּי'ן, דוּ ווילְסְט נִישְׁט נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת און זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת, אָנְגְעפַּאקְט דַיין קָאפּ מִיט נֶערְוֶוען און עֶס גֵייט שׁוֹין קְרַאכְן, גֶעבֶּעך, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער, זִינְג דִי וֶוערְטֶער, זָאג עֶס אוֹיפְן קוֹל, נִישְׁט אַז עֶס אִיז תְּנַאי, מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוֹיך שְׁטִילֶערְהֵייט, אָבֶּער עֶס וֶועט דִיר טוֹישְׁן דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, עֶס וֶועט דִיך פְרֵיילִיך מַאכְן", דִי פָּאר וֶוערְטֶער, מִיט אַזַא וַוייעֶדִיגֶע בֶּעטְנְדִיגֶע שְׁטִימֶע, הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן מַיין הַארְץ. אִיך הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט אַז דָאס אִיז עֶס, אִיך גֵיי פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, און דֶעמָאלְט הָאבּ אִיך אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַקְשָׁנוּת.

אִיך הָאבּ נָאך אַסַאך צוּ שְׁרַייבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיך אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן אַלֶעס וָואס אִיך בִּין אַרִיבֶּער, אֵיין זַאך קֶען אִיך אָבֶּער זָאגְן, עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד צְוֵויי יָאר פוּן יֶענֶעם זוּמֶער, און יֶעצְט קֶען אִיך שׁוֹין אַלֵיין עֵדוּת זָאגְן אַז יָא, מִשְׁנַיוֹת הֶעלְפְט, אִיך דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְאָיוֹת פוּן סְפָרִים אַז עֶס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט, דָאס זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג הָאט מִיך פָּשׁוּט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן וֶוערְן אַ מֶענְטְל הֶעלְט פַּאצִיעֶנְט פַאר מַיין גַאנְץ לֶעבְּן און זִיך דַארְפְן שְׁלֶעפְּן פוּן אֵיין דָאקְטֶער צוּם צְוֵויטְן, פוּן אֵיין טֶערָאפִּיסְט צוּם צְוֵייטְן, און גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן.

אִיך זָאג אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן, און אִיך וִויל זָאגְן פַאר אַלֶע וָואס לַיידְן פוּן דֶעם וָואס אִיך הָאבּ גֶעלִיטְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין נַארָאנִים, הוֹיבּ אָן פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט עֶנְק זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶע נֶערְוְון און דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן דוּרְך לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט דוּרְך זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג; דָאס פַארְטְרַייבְּט דִי רוּחַ שְׁטוּת וָואס מַאכְט קְרַאנְק דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע סָארְט

נֶערְווֹן קְרַאנְקְהֵייטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן א) : "שֶׁעִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "שֶׁהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דִי תּוֹרָה אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָאו", אוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי דִי אוֹת ו׳, "כִּי הַלּוּחוֹת, אָרְכָּן וָ"ו וְרָחְבָּן וָ"ו", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא יד.) דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים אוּן בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים, אוּן דָאס אִיז וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זָאגְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶען שְׁלָאגְט דִי וַואל מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס אִיז אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דֶערוֹיף דִי שֵׁמוֹת אהי"ה וְכוּ׳, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְהַוָ"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל", דִי אוֹת ו׳ זֶעט אוֹיס וִוי אַ שְׁטֶעקְן, "וְהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוּן עֶס אִיז שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַיְנוּ שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען מַכְנִיעַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, "שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם", וָואס וִויל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "כִּי בַּעַל עֲבֵרָה הוּא מְשׁוּגָע", וַוייל דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע, "כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה ג.) 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת'", אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה נָאר אַז עֶר פַארְלִירְט דִי שֵׂכֶל, "וּכְמוֹ שֶׁהַמְשׁוּגָעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם וְלָשׂוּם עֲלֵיהֶם שֵׁמוֹת", אוּן אַזוֹי וִוי דִי מְשׁוּגָעִים דַארְף מֶען שְׁלָאגְן מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן זֵיי גֶעבְּן קְמֵיעוֹת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי הֶעלְפְן, "כְּמוֹ כֵּן מַמָּשׁ הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת", אַזוֹי אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס אִיז אַ שְׁטֶעקְן פַארְן יֵצֶר הָרָע, אוּן קְמֵיעוֹת, שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; "שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ", מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה שְׁלָאגְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען אִיז אִים מַכְנִיעַ אוּן מֶען טְרַייבְּט אִים אַוֶועק.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז דָאס גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז דִי ו׳ וָואס אִיז אַ שְׁטֶעקְן וָואס פַארְטְרַייבְּט דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ פַארְטְרַייבְּן אַלֶע שִׁגְעוֹנוֹת, אַלֶע נֶערְווְן, עֶס קְלָארְט אוֹיס דִי מֹחַ

מַחֲשָׁבָה, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת. אוֹיךְ וַואשְׁט עֶס אָפּ דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן נְשָׁמָה; מֶען בַּאקוּמְט אַ נַייעֶ נְשָׁמָה, מֶען וֶוערְט רֵיין.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מִשְׁנָיוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית, מב.): "מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה", וֶוער עֶס זָאגְט אוּן לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, "דָּא הוּא מָאן דְיָדַע לְסַדְּרָא וּלְקַשְּׁרָא קִשּׁוּרָא יִחוּדָא דְמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוֹת", דֶער אִיז וָואס וַוייסְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ צוּבִּינְדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִלֵּין אִנּוּן דִמְקַדְּשִׁין שְׁמָא קַדִּישָׁא דְמָארֵיהוֹן", דִי וָואס זָאגְן אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת - דִי הֵיילִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, "בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר", שְׁטֶענְדִיג יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס פַאר אַ גוּטְס לִימּוּד גְּמָרָא בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס אִיז הַיינְט ז' אֲדָר - דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

אוֹיךְ אִיז הַיינְט דִי יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק מִקַּאלִיב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי זַיין צִיּוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן עַד הַיּוֹם לִיגְט מִיר נָאךְ דִי מַצֵּבָה פַאר דִי אוֹיגְן. אוֹיף דִי מַצֵּבָה שְׁטֵייט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: "הָיָה עֶרְלִיכֶער אִיד, וְהָיָה לוֹמֵד עַל הַדַּף". עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט מִיט דִי וֶוערְטֶער: "וֶוען מֶען זָאל הַיינְט בַּא'טִיטְלֶ'ען אַ רֶבִּי אַלְס 'עֶרְלִיכֶער אִיד' וָואלְט עֶר זִיךְ זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט אוּן עֶס וָואלְט נִישְׁט אֶמֶת גֶעוֶוען אוֹיךְ נִישְׁט".

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת

הָרַ"ן סִימָן עו), דֶערִיבֶּער קֶענֶען מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. דִי צְוֵויי זַאכְן "הָיָה עֶרְלִיכֶער אִיד, וְהָיָה לוֹמֵד עַל הַדַּף" גֵייעְן צוּזַאמֶען - אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, בִּפְרַט אַ "דַף גְּמָרָא" - אִיז מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ "הָיָה עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אַ מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע גוּטְס לִימוּד גְּמָרָא בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ'לֶע בֶּעלְזֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין גְרוֹיסְן טַאטְן דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַז מֶען לֶערְנְט אַ דַף גְּמָרָא מִיט רַשִׁ"י, אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר הַצְלָחָה". אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן גֶעלֶעגְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְּלָן. אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ 'דַף גְּמָרָא', דוּרְךְ דֶעם זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

בֶּאֱמֶת זָאגְן דָאס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (מַכּוֹת יב), דְרֵיי טָעוּתִים וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶוען עֶר וֶועט זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִים שֶׁחְטְ'ן - עֶר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן קַיין 'בָּצְרָה', מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז 'בֶּצֶר' אֵיינֶע פוּן דִי עָרֵי מִקְלָט שְׁטֶעט וואוּ מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן מִיתָה, דֶער צְוֵוייטֶע טָעוּת וָואס עֶר וֶועט מַאכְן - עֶר וֶועט מֵיינֶען אַז אַ מֵזִיד קֶען אוֹיךְ אַנְטְלוֹיפְן אוּן זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן מִיתָה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הֶעלְפְט נָאר דִי עָרֵי מִקְלָט פַאר אַ שׁוֹגֵג, דִי דְרִיטֶע טָעוּת וֶועט עֶר מַאכְן - אַז עֶר וֶועט מֵיינֶען אַז דִי עָרֵי מִקְלָט הֶעלְפְט אוֹיךְ פַאר אַ מַלְאָךְ, בִּיז דֶערְוַוייל הֶעלְפְט דָאס נָאר פַאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט פַאר אַ מַלְאָךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה פְרֶעגְט (יִשְׂמַח מֹשֶׁה, פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה): "וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֵייט מַאכְן דִי דְרֵיי טָעוּתִים, עֶר הֶערְט דָאךְ יֶעדֶע שַׁבָּת וִוי מֶען זִינְגְט בַּיי דִי זְמִירוֹת 'בְּבוֹאוֹ מֵאֱדוֹם חֲמוּץ בְּגָדִים וְכוּ'' וואוּ מֶען רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע דְרֵיי טָעוּתִים וָואס עֶר גֵייט מַאכְן, וֵוייסְט עֶר דָאךְ שׁוֹין וָואס נִישְׁט צוּ טוּן?" זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה, "מוּז זַיין, אַז וֶוען אַ אִיד זִינְגְט זְמִירוֹת שִׁיקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶר זָאל נִישְׁט הֶערְן וִוי מֶען פַארְצֵיילְט דִי טָעוּתִים וָואס עֶר גֵייט מַאכְן"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַ אִיד זִינְגְט זְמִירוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְטְרַייבְּט דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אוּן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז נִישְׁט דָארְט אִיז דָאךְ זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער זְמַן דֶעמָאלְט.

מִיר אִיז שְׁוֶוער, פַארְוָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה נָאר אוֹיף דֶעם, אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הֶערְט וִוי מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת וֶועט עֶר הֶערְן וִוי מֶען פַארְצֵיילְט זַיינֶע טָעוּתִים וְכוּ', דֶער קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי זְמִירוֹת, נָאר יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט דִי גְמָרָא (מַכּוֹת יב) וואוּ מֶען רֶעכְנְט אוֹיס דִי דְרֵיי טָעוּתִים וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֵייט מַאכְן הֶערְט דָאךְ דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, פַארְוָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה נָאר אוֹיף דִי פַאל וֶוען מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת? נָאר וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד); מִמֵּילָא אִיז דָאס

שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער, וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַ אִיד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, דֶער קַשְׁיָא אִיז נָאר בַּיי זְמִירוֹת שַׁבָּת וָואס עֶס זֶעט אוֹיס אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תּוֹרָה.

אַלֶעס וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְן טוּן - נָאר נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַיין טַייעֶרֶע ..., הֵייבּ הַיינְט אָן דֶעם דַף גְּמָרָא (דִי הַיינְטִיגֶע דַף אִיז מַכּוֹת יב), דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן; דַיינֶע טֶעג וֶועלְן נִישְׁט זַיין פּוּסְט, דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר נִישְׁט זַיין נִמְאָס, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין אַלֶעס וָואס דִי טוּסְט.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא אִיז אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי; קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא אָדֶער דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זָאג אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג וֶועט דִיר דָאס לֶעבְּן גֵיין גְרִינְגֶער.

זֶע צוּ זִינְגֶען שַׁבָּת דִי זְמִירוֹת; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאס גֶעדֶענְקֶען בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. עֶס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַ אִיד זִינְגְט זְמִירוֹת, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרַייבְּט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זָאגְט (כַּנַּ"ל).

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר מַאכְן לִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, יב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט הֵייבְּן מִיר אָן אַ נֵייעֶ מַסֶכֶת - "מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת", אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִיט כַאפְּן מִיט דִי סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ 'דַף גְּמָרָא', אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט אַ 'דַף גְּמָרָא' אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג. אַלֶע בְּרָכוֹת לִיגְט אִין דִי גְּמָרָא; אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא הָאט מֶען פַּרְנָסָה, אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אַלֶע יְשׁוּעוֹת לִיגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם', זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי"; פְרֶעגְט מוֹהֲרַ"אשׁ, וִוי

קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקְלְקֵייט, אַ טוֹיטְקֵייט? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַ שֵׁיינֶעם פְּשַׁט, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאקְלָאגְט זִיךְ: "מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקְל", "מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט", עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דִיר, נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן לֶערְן דָאס, "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" - דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר פִינְסְטֶער, כְּמֵתֵי עוֹלָם - דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז דָא פַאר דִיר אַן עֵצָה, זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי - נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לִיכְטִיג, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לֶעבְּן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט גְמָרָא וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיינֶע חוֹבוֹת, עֶר וֶועט וֶוערְן רַייךְ. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלז), עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְווֵיי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזֶען אוֹיף זַיין חַבֵר אַז עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי דֶער חַבֵר הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשָׁאקְלְט פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעט עֶר ווִי דֶער חַבֵר הֵייבְּט אָן מַצְלִיחַ צוּ זַיין, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ ווֵייס דָאךְ אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶער עֲבֵירָה, פַארְוָואס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט? עֶר אִיז מַצְלִיחַ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע עוֹשֶׁר', אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶס שְׁטֵייעֶן אַ קוּפְּקֶע אוּן עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ גֶערוּדֶער ווִי מֶען צֵיילְט גֶעלְט, אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאנְט הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען זָאגְט אִים: "רִיר נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעלְט, דִי גֶעלְט בַּאלַאנְגְט פַאר דַיין אַלְטֶער חַבֵר", הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן ווִי עֶר טוּט אַן עֲבֵירָה?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ פַארְגֶענוּמֶען חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶּער דוּ לֶערְנְסְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר גֶעבְּט מֶען פַאר דַיין חַבֵר גֶעלְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה וַוייל "מָעוֹת" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבָּה

תּ׳וֹרָה (סוֹטָה כא.), עֲבֵירָה לֶעשְׁט נִישְׁט אוֹיס דִי תּוֹרָה״, קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה דָארְט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר, מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, הֵייבּ אָן הַיינְט מַסֶּכֶת שָׁבוּעוֹת, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וֶועלְן דִיר אוֹיפְלֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, אַז מֶען זֶעט מַמָּשׁ בְּחוּשׁ אַז דִי תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט מְחַיֶּה מֵתִים זַיין; וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וֶוערְט מַמָּשׁ תְּחִיַּית הַמֵּתִים, דָאס לֶעבְּן טוּישְׁט זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, מֶען הֵייבְּט אָן זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס וֶוערְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים מַמָּשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ו) כִּיבּוּד אָב וָאֵם

### רוּף אָן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ״אשׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע; אֲפִילוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף אוֹיךְ רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן. מוֹהֲרַ״אשׁ פְלֶעגְט זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דֶעם; דִי תַּלְמִידִים דֶערְצֵיילְן אַז יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחְרִית פְלֶעגְט מוֹהֲרַ״אשׁ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן אָנְרוּפְן זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן פַאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זַיין טַאטֶע.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ,

דוּ וֶועסְט רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן מִיט זֵיי; זֵיי פְרֶעגְן אוֹיב דוּ קֶענְסְט זֵיי הֶעלְפְן וְכוּ׳, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה וָואס דִי תּוֹרָה בֶּענְטְשְׁט דִי וָואס זֶענֶען מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן (שְׁמוֹת כ, יב): "לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע בַּאצִיאוּנְג מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ דַאנְק פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק דְרָשׁוֹת, וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע אוּן גְרִינְגֶערֶע בַּאצִיאוּנְג מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ עֶפֶּעס זֵייעֶר בְּצִמְצוּם בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֵיין מִיט עֶלְטֶערְן מִיט גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג; עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוּן מֶען דַארְף מֶעסְטְן דִי וֶוערְטֶער וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי.

מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן נִישְׁט וַוייל מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס מִיטְן שֵׂכֶל נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַזוֹי בַּאפוֹילְן (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ", נִישְׁט וַוייל דִי שֵׂכֶל זָאגְט אַזוֹי.

אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטוּבּ דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן אָדֶער קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן, דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן. אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען הָאט עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען קַפְּדָנִים וָואס קְרִיגְן זִיךְ מִיט יֶעדֶעם, עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען שְׁוועֶרֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳ וְכוּ׳ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶר כָּבוֹד. מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל (קִידּוּשִׁין ל:): "הִשְׁוָה הַכָּתוּב כְּבוֹד אָב וָאֵם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְלִיכְן זַיין כָּבוֹד צוּ דִי כָּבוֹד פוּן עֶלְטֶערְן.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זֵייעֶר פִיל רֶעדְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אִיבֶּער דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף עֶלְטֶערְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי מִיט אִיר זוּן צוּם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחֲצֵירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ׳בַּאבַּא סַאלִי׳), זִי הָאט גֶעוֵויינְט צוּ אִים: "מַיין זוּן מַאכְט מִיר אָן צָרוֹת אִין שְׁטוּבּ; עֶר שְׁרֵייט אוֹיף מִיר, עֶר שְׁלָאגְט מִיר, אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן אִים", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בָּבָא סַאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען: "אַיי אַיי אַיי, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ מַאמֶע, וָואס אִין דִי וֶועלְט וָואלְט אִיךְ דֶען נִישְׁט גֶעטוּן פַאר אִיר? אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר אִיר וָואס זִי דַארְף, אִיךְ וָואלְט אִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט מִיט אַזַא תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רוֹשֶׁם אוֹיף דֶעם בָּחוּר בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט צוּ וֵויינֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער נִישְׁט צוּ מְצַעֵר זַיין זַיין מַאמֶע׳ן.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה דַארְפְן מִיר אַלֶע מִיט וֵויינֶען אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: ׳וִוי אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ אוֹיף צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן?׳ אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מִיר וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## ז) הִיטְן שַׁבָּת אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת

### אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵּא אַ אִיד וָואס זִינְגְט זְמִירוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, וַוייל קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ הֶערְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, בִּפְרַט מַעֲשִׂיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים - הָאט אִים דָאס אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט דָאס הַארְץ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא הַיינְט הֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס מֶען קֶען פוּן דָארְט נֶעמֶען שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת; אַ שַׁבָּת טִישׁ אִיז נִישְׁט אַ צַייט וָואס מֶען רֶעדְט פָּאלִיטִיק וְכַדוֹמֶה, בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זִינְגְט מֶען זְמִירוֹת אוּן מֶען פַארְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה.

אַז מֶען פִירְט אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ - הָאט מֶען אַנְדֶערֶע סָארְט קִינְדֶער; וַוייל אַז מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין דִי קִינְדֶער - הָאט מֶען זִיכֶערֶע רְוָוחִים.

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ זוּמֶער תש״ע וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מַאוּנְטֶענְדֶעיל. בִּשְׁעַת דִי בָּאטֶע הָאט מִיךְ מוֹהֲרָא״שׁ גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ זֶענֶען דִי בָּחוּרִים?" וַוייל אַסַאךְ בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן שְׁלָאפְן וַוייל זֵיי זֶענֶען מִיד, הָאט מִיר מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט: "וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ לַאנְגֶע בָּאטֶע? מַאךְ אַ קוּרְצֶע בָּאטֶע, יֶעדֶער זָאל זַיין בִּשְׁעַת מֶען זִינְגְט אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען גֵיין שְׁלָאפְן", אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: "וֶוען אִיר זָאלְט וויסְן ווִי אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵּא אַ אִיד וָואס זִינְגְט זְמִירוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זִינְגֶען וֶוען זֵיי ווִילְן, נָאר זֵיי הָאבְּן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט וֶוען זֵיי קֶענֶען זִינְגֶען - וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, נָאר אַלֶע וָואלְטְן גֶעקוּמֶען זִינְגֶען".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ לַאנְגֶע סְעוּדָה אוּן זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים? מַאךְ אַ שֵׁיינֶע קוּרְצֶע סְעוּדָה, זִינְג זְמִירוֹת אוּן פַארְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, רֶעד דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן.

אַ פְרוֹי בַּאקְלָאגְט זִיךְ פַאר מִיר אַז זִי גְרֵייט אָן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זִי קָאכְט אוּן בַּאקְט אוּן רוֹימְט דִי הוֹיז אוּן זִי וַוארְט צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, אוּן אִיר תַּכְשִׁיטְ'ל קוּמְט אַהֵיים אוּן מוּרְמְלְט זִיךְ אוּנְטֶער קִידוּשׁ, קוֹים קוֹים וָואס מֶען קֶען הֶערְן אַ וָוארְט, אוּן עֶר עֶסְט אָפּ דִי סְעוּדָה אָן קַיין זִינְגֶען, אָן קַיין הִתְחַזְקוּת אוּן אָן קַיין יַשֶׁר כֹּחַ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס טוּט אִיר זֵייעֶר וֵויי. דֶערְפַאר זָאג אִיךְ דִיר, מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אוּן דוּ וֶועסְט עֶסְן דִי רְוָוחִים פוּן דֶעם.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב וָואזְנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר זָאל טוּן, אוּן עֶר זָאגְט פַאר הָרַב וָואזְנֶער: "וָואס דֶער רָב וֶועט מִיר זָאגְן וֶועל אִיךְ טוּן, אָבֶּער דֶער רָב זָאל מִיר גֶעבְּן אַ תִּיקוּן". הָרַב וָואזְנֶער אִיז בְּלַאס גֶעוָוארְן, ווייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן וָואס דֶער אִיד פַארְצֵיילְט, אוּן עֶר זָאגְט אִים: "אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ תִּיקוּן אַז יֶעדֶע שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אַסַאךְ זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדוֹת"; דֶער אִיד הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רָב מַאכְט פוּן אִים שְׁפַּאס, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט גֶעפָּאלְגְט הָרַב וָואזְנֶער אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן זַיין בְּלָאטֶע וְכוּ'.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דִי סְעוּדָה זָאל הָאבְּן אַ טַעַם פוּן אַ סְעוּדָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת; טַאנְץ

און שְׁפְּרִינְג פוּן שִׂמְחָה אַ גַאנְץ שַׁבָּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט ווייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, מֶען דַארְף אַרוּם גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען צֶעאַמְפֶּערְט זִיךְ צוּלִיבּ שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אַזוֹי אַרוּם גֵייט מֶען אַרַיין אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צֶעקְרִיגְטֶערְהֵייט.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט דֶעם צְוֵוייטְן שַׁבָּת אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל; אַז מִיר וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת וֶועלְן מִיר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, סִימָן ג): "עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, עֶר הָאט הֲנָאָה פוּנֶעם עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אִין דִי יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן, טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה אוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פַאסְטְן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס מִיר דַארְפְן אַלֶץ מְתַקֵּן זַיין, מִיר הָאבְּן קוֹים כֹּחַ צוּ פַאסְטְן דִי תַּעֲנִיתִים וָואס מִיר דַארְפְן פַאסְטְן, וִוי קֶענֶען מִיר אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן פוּן פַאסְטְן אוֹיף וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן?! אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת וֶועלְן מִיר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מֶעג מֶען זִינְגֶען "אוֹי", אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, עֵצוֹת, אוּן שֵׂכֶל הַיָּשָׁר, וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין סֵפֶר "אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל" (סִימָן ס"ו) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן "אוֹי" אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ נִיגוּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי בַּאקַאנְטֶע נִיגוּן "אוֹי אוֹי אוֹי שַׁבָּת", אָדֶער נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע נִיגוּנִים וָואס קוּמְט אַרַיין דָארְט דָאס וָוארְט "אוֹי".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן זַיין שַׁבָּת נָאר פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת״, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, ״כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד״, וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, ״וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?״ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״צוּמָאל בִּין אִיךְ פְרוּם״; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״נֵיין, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ״, דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תשצב).

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ שַׁבָּת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקּוּן פַאר וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): ״כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת״, זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת אוּן הָאבְּן פַארְגֶעְנוּגְן שַׁבָּת - אִיז מֶער פוּן פַאסְטְן טוֹיזְנְט טֶעג.

זִינְג אוּן טַאנְץ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, זִינְג זְמִירוֹת שַׁבָּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קד) זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ח) הַפָּצָה

### דוּ קֶענְסְט רַאטֶעוֶועןן לֶעבְּנְס דוּרְךְ הַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה - אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית; בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן צוּ פַּארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, וִוי עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה.

דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַּאלְן אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מִיט אַ קוּנְטְרֵס, מִיט אַ גִּלְיוֹן, מִיט אַ קַארְטְל - קֶענְסְטוּ פָּשׁוּט רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט מַמָּשׁ פַּאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אַזוֹיפִיל, עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל, נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג"; אוֹיבּ אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל, וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן... נָאר מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'.

אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

וֶוער עֶס גֵייט הַפָּצָה קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גָאר אַסַאךְ זְכוּתִים;

וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה און מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיד הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, עֶר לֶעבְּט מִיט תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' - דִי אַלֶע זְכוּתִים גֵייעֶן אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דֶער וָואס הָאט אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. און עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע נַחַת רוּחַ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַז אֵיינֶער בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּ אִים.

לֶערְן יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען וֶוער עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי הַפָּצָה, הַפָּצָה אִיז דַיין תִּיקוּן; אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הַפָּצָה וֶועסְטוּ פַארֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם טוּט מֶען פַארֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הַפָּצָה וֶועסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן וִוי מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן און וַוארְטְן אוֹיף דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים, בִּפְרַט אוֹיף דִי נַייעֶ קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - אִישׁ אֱמוּנוֹת. דָאס רֶעדְט צוּ דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, עֶס וֶועקְט זֵיי אוֹיף צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֵּ' מִיט דֶעם.

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן דָא, אוֹיבְן קוּקְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט מֶער גֶעלְט, אַ שֶׁענֶערֶע הוֹיז אָדֶער אַ שֶׁענֶערֶע קַאר, אוֹיבְן קוּקְט מֶען וֶוער עֶס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע, וֶוער עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק אִין דִי גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:), "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מִיר זֶענֶען דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ' דָא, עֶס אִיז אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ פוּן אֱמוּנָה. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא צוּ זַיין בִּיז אַ וָואךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**תִּיקּוּן פוּן הֲפָצָה, אִיז אוֹיךְ אוֹיב מֶען צָאלְט גֶעלְט פַאר אַ מֵפִיץ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תִּיקּוּן וָואס מוֹהֲרָ"ש שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַז הֲפָצָה אִיז אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית,

אִיז דָאס דַוְקָא אוֹיב מֶען טוּט דָאס אַלֵיינְס מֵפִיץ זַיין? אָדֶער קֶען מֶען אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם תִּיקּוּן אוֹיב מֶען צָאלְט גֶעלְט פַאר אַ מֵפִיץ?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֶען טוּט נָאר פַאר הֲפָצָה; סַיי דִי וָואס גֵייעֶן אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים, גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, סַיי דִי וָואס הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סַיי דִי וָואס זֶענֶען מְנַדֵּב צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אַלֶעס אִיז אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): ״תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה״, וֶוער עֶס וִויל פַארֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - ״שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיטְן מֵפִיץ זַיין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן אוּן מִיטְן גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז צַוָואָה גֶעלָאזְט: ״אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין ׳יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה׳, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט ׳גֶעלְט׳ מִיט ׳רָצוֹן׳ אוּן מִיט ׳טִירְחָא׳״.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה, ווִי חָשׁוּב אִין הִימְל אִיז דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): ״תָּא חֲזֵי״ קוּם אוּן זֶע, ״כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״ אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא״ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; ״גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״ עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן

גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי" עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי" עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידַן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי" קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ" עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ט) אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

### ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען אַזוֹיפִיל מְחַזֵק.

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ פַאל לֶעצְטְנְס זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרוּחָנִיּוּת, אִיךְ פַאל אַרָאפּ גָאר אַסַאךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הַרְגְ'עְ זִיךְ אַלֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ כָּשֶׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען דֶעם פִילְטֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט לֵיידֶער גֶעקוּקְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין פְּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, אָבֶּער עֶס לִיגְט מִיר נָאךְ אִין מֹחַ דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ פַאל דוּרךְ, קוּמְט מִיר אַרַיין חֲרָטָה גֶעפִילְן, אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זִינְדִיגְן, אוּן אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!'.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ מִיר אַלֵיין, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער אַ הַאלְבּ יָאר וָואס אִיךְ פַּאל כְּסֵדֶר. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז שְׁטִיל אוּן לֵיידִיג אוּן זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד. רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר אוּן וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ רַעַשׁ עֶס וֶוערְט אִין הִימְל וֶוען אַ בָּחוּר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אוּן בֶּעט זִיךְ מִיט תַּחֲנוּנִים בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ; אַלֶע מְקַטְרְגִים וֶוערְן אוֹיס, אַלֶע קְלִיפּוֹת וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְּאַרְעָא.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טוּ דִי עֵצָה; גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת, וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט וַוייטֶער אִין דִיר - זָאלְסְטוּ זַיין אַ שְׁטַארְקֶער עַקְשָׁן אִין דֶעם, וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער חָבֵר בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרָט בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; זַיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶס גֵייט זַיי נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, זַיי פַאלְן אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דִי בָּחוּרִים הָאבְּן

רַחְמָנוּת אוֹיף זִיךְ אוּן זוּכְן זִיךְ אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ אוּן זֵיי גִיסְן זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֲיִתָּכֵן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ'**", זֵיי שְׁמוּעֶסְן אַלֶעס אוֹיס וְכוּ' - קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי תְּפִלָּה טוּט אִין הִימְל.

קוּק אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועסְטוּ אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, דַף קצה.) מִיר גֶעפִינֶען דְרֵיי פְּסוּקִים פוּן תְּפִלָּה: "תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה", "תְּפִלָּה לְדָוִד" אוּן "תְּפִלָּה לְעָנִי", פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר, "מַאן חֲשִׁיבָא מִכֻּלְּהוֹ", וֶועמֶענְ'ס תְּפִלָּה אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? זָאגְט דֶער זוֹהַר: "הֲוֵי אֵימָא תְּפִלָּה דְעָנִי", דֶעם אָרֶעמַאןְ'ס תְּפִלָּה אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע תְּפִלָּה, "תְּפִלָּה דָא, קָדִים לַתְּפִלָּה דְמֹשֶׁה, וְקָדִים לַתְּפִלָּה דְדָוִד, וְקָדִים לְכָל שְׁאַר צְלוֹתִין דְעָלְמָא", זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען חָשׁוּבְ'עֶר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס תְּפִלּוֹת, פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס תְּפִלּוֹת אוּן פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר: "מַאי טַעְמָא", פַארְוָואס אִיז דֶער אָרֶעמַאןְ'ס תְּפִלָּה אַזוֹי חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? "בְּגִין דְעָנִי אִיהוּ תְּבִיר לִבָּא", וַוייל דֶער אָרֶעמַאן בֶּעט מִיט אַ צֶעבְרָאכֶענֶעם הַארְץ, אוּן עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, יט): "קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ צֶעבְרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, דֶערְפַאר זֶענֶען זַיינֶע תְּפִלּוֹת דִי טֵייעֶרְסְטֶע בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט דֶער זוֹהַר וַוייטֶער: "וּמִסְכֵּנָא עָבִיד תָּדִיר קְטָטָה בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא", דֶער אָרֶעמַאן קְרִיגְט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָצִית וְשָׁמַע מִלּוֹי", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת, זַיינֶע בַּקָשׁוֹת; "כֵּיוָן דְצַלֵּי צְלוֹתֵיהּ", וֶוען דֶער אָרֶעמַאן הֵייבְּט אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "פָּתַח כָּל כַּוֵּי רְקִיעִין", עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע טִירְן אוּן פֶענְסְטֶערְ'ס פוּן הִימְל, "וְכָל שְׁאַר צְלוֹתִין דְקָא סַלְּקִין לְעֵילָא, דָּחֵי לוֹן הַהוּא מִסְכְּנָא תְּבִיר לִבָּא", דֶער אָרֶעמַאן מִיט זַיין צֶעבְרָאכֶענֶע הַארְץ שְׁטוּפְּט אַוֶועק מִיט זַיינֶע תְּפִלּוֹת אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטוֹף", יַעֲטוֹף אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן צוּרִיק הַאלְטְן, "אֶלָּא אִיהוּ עָבִיד עִטּוּפָא לְכָל צְלוֹתִין דְעָלְמָא, וְלָא

עָאלִין עַד דִּצְלוֹתָא דִּילֵיהּ עָאלַת", ווייל זַיינֶע תְּפִלּוֹת הַאלְט אָפּ און שְׁטוּפְּט אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת פון דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָמַר, יִתְעַטְּפוּן כָּל צְלוֹתִין, וּצְלוֹתָא דָּא תֵּיעוּל לְגַבָּאי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אַלֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן וַוארְטְן בִּיז דֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִלּוֹת קוּמֶען אַרוֹיף צוּ מִיר, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין בֵּית דִין זָאל מִשְׁפָּטְ'ן צְווִישְׁן אוּנְז, "קַמָּאי לֶיהֱווּ תַּרְעוּמִין דִּילֵיהּ", אִיךְ וִויל אַלֵיין הֶערְן זַיינֶע טַעֲנוֹת, "וְאָנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", אִיךְ אַלֵיין וִויל זַיין מִיטְן אָרֶעמַאן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הֶערְט צוּ דֶעם אָרֶעמַאן'ס גֶעבֶּעט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפּוֹךְ שִׂיחוֹ", פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס קוּמֶען אָן זַיינֶע תְּפִלּוֹת.

אַלֶע מַלְאָכִים פוּן הִימְל פְרֶעגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן: "מִיט וָואס טוּט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְן?" און מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט זַיין זַאךְ, מִיטְ'ן אָרֶעמַאן'ס גֶעבֶּעט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט מִיט דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת און דִי אַלֶע תַּרְעוּמוֹת, "דְּלֵית תֵּיאוּבְתָּא לְמִסְכְּנָא, אֶלָּא כַּד שָׁפִיךְ דִּמְעוֹי בְּתוּרְעָמוּ, קַמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פַארְן אָרֶעמַאן וִוי זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֵית תֵּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן, וְאוּשְׁדוּ קַמֵּיהּ וְדָא אִיהִי צְלוֹתָא", און עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע גְלִיסְטוּנְג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען עֶר נֶעמְט אָן דִי גֶעוֵויין פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ, דֶערִיבֶּער הַאלְט עֶס אָפּ אַלֶע תְּפִלּוֹת.

זָאגְט דֶער זוֹהַר, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן - גֵייעֶן אַלֶע תְּפִלּוֹת אַרוֹיף גְלַייךְ אָן קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְג, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין, לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעָאל, כְּמָה דְּשָׁבְקִין לְמִסְכְּנִין, דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאלִין", אַלֶע מַלְאָכִים וָואס שְׁטֵייעֶן בַּיי דִי טִירְן און קוּקְן אוֹיבּ דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶענוּג חָשׁוּב אַרוֹיפְצוּגֵיין - לָאזְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי תְּפִלּוֹת פוּן אַן אָרֶעמַאן.

דָאס אִיז אַלֶעס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר אִיז אַן אָרֶעמַאן בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט צוּ בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט פַאר זִיךְ און פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ'; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ה,

אות מג) : "מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כְּשֶׁמַּתְחִיל הָאָדָם לְרַחֵם עַל עַצְמוֹ וּמַרְגִּישׁ עֲנִיּוּתוֹ וְדָחְקוֹ בְּמַעֲשִׂים טוֹבִים", וֶוער רֶעדְט און וֶוער שְׁמוּעֶסְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ, אוֹיף זַיין עֶכְטֶע אָרֶעמְקֵייט, "וְטוֹעֵן עִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּמִתְקוֹטֵט עִמּוֹ וּמִתְרָעֵם עָלָיו יִתְבָּרַךְ עַל שֶׁאֵינוֹ מְקָרְבוֹ אֵלָיו וְשׁוֹפֵךְ שִׂיחוֹ וְלִבּוֹ לְפָנָיו עַד שֶׁנִּתְעוֹרֵר בִּבְכִיָּה וְכוּ'", עֶר טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶס גֵייט אִים אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס בִּיסְטוּ מִיךְ נִישְׁט מְקָרֵב צוּ דִיר?' "כַּמָּה וְכַמָּה יְקָרָה תְּפִלָּה זוֹ בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווִי חָשׁוּב און טֵייעֶר אִיז דִי תְּפִלָּה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהִיא יְקָרָה מִכָּל הַתְּפִלּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם", דָאס אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע תְּפִלָּה פוּן אַלֶע תְּפִלּוֹת, וַוייל דֶער אִיז דָאךְ אַ רִיכְטִיגֶער אָרֶעמַאן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.) : "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אָרֶעם? נָאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ דֶער וָואס זִינְדִיגְט און פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, וֶוען אַזַא אֵיינֶער קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און וֵויינְט : "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט" ; אַזַא תְּפִלָּה אִיז טַייעֶר און בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער פוּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיז דָא.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיט דֶעם :

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס לָאזְט מִיךְ נִישְׁט אָפּ, עֶר וַוארְפְט מִיךְ כְּסֵדֶר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן ; וויִפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין גוּט וֶוער אִיךְ נָאר מֶער און מֶער דֶערְוַוייטֶער פוּן דִיר. טַאטֶע זִיסֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פַארְקְרָאכְן פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן דֶעם לִימּוּד זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף מִיר ;

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין וְוילַאנְג אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ וְויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וְויל אַ וַוייבּ וָואס זָאל מִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַזוֹי לַאנְג אַלֵיין.

חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ נוּץ דָאס נִישְׁט פַאר אַ תֵּירוּץ אוֹיף מַיינֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג, אָבֶער דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וְויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְן, אִיךְ וְויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט נִישְׁט וֶועלְן אוֹיפְנֶעמֶען קֵיין בָּחוּרִים, עֶר פְּלֶעגְט זֵיי פַארְשִׁיקְן אוּן זָאגְן 'קוּמְט צוּרִיק צוּ מִיר מִיט אַ טַלִּית'; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז מֶען שִׁיקְט מִיר אַוֶועק? וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֵיין הַיינְט צוּם חוּפָּה, וֶוען וֶועט דָאס שׁוֹין זַיין? וֶוען וֶועל אִיךְ וֶוערְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִיךְ דִינֶען מִיט אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה?

אִיךְ זָאג דִיר צוּ טַאטֶע זִיסֶער אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט (אֶרֶךְ אַפַּיִם פֶּרֶק ד', סַבְלָנוּת לְבָחוּר) עֶס אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶער מַלְאָךְ "עֶזְרִיאֵל" וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אִין הִימְל אַרוֹיפְצוּטְרָאגְן דִי תְּפִלּוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְן אוּן אַזוֹי אַרוּם נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן, וֶוער דֶער מַלְאָךְ אִיז אוּן וָואס זַיין זַאךְ אִיז (עַיֵּין שָׁם).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## י) אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי׳ן, מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט; דוּרְךְ דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זָאלְסְטוּ בְּעִיקָר בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. וַוייל עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה בְּרֶענְגְט צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶען פַאלְט אִין דִי עֲבֵירָה - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עַנְיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס אִיז וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער וָואס וַוארְפְט אַרוֹיס דִי טְרָאפְּלֶעךְ פוּן מֹחַ, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָּל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן, דָאס אִיז אוֹיסֶער וָואס מֶען פַארְלִירְט אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן; עֶס וֶוערְט טוּנְקֶל, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי אֱמוּנָה קִילְט זִיךְ אָפּ, מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען גֵייט אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז מֶען ווִיל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן. מֶען וֶוערְט אַ בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט; אַלֶעס קוּמְט פוּן זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, אַז אִיךְ**

זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

נֶעם אַ פּוּשְׁקֶע פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד אוּן לֵייג אַרַיין אַפָּאר פְּרוּטוֹת, סַיי אִינְדֶערְפְרִי, סַיי אִינְמִיטְן טָאג אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה, אוּן וֶוען דִי פּוּשְׁקֶע אִיז פוּל בְּרֶענְג מִיר דָאס, אָדֶער בְּרֶענְג דָאס פַאר מַיין אֵיידֶעם, עֶר הֶעלְפְט מִיר מִיט דִי פּוּשְׁקֶעס. אוּן מִיט דִי פְּרוּטוֹת צָאל אִיךְ אָפּ שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הַאלְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ פַאל דוּרְךְ, וָואס מֵיינְט דָאס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אוֹיף אַלֶעס.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִּים, הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס "הֵיילִיגֶע אוֹיגְן", אוּן דָאס הָאט מִיךְ זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם קַיין אֵיין מָאל נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית.

אָבֶּער עֶס אִיז יָא גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע זַייט דֶעמָאלְט וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט מִקְרֵה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וָואס דָאס

קוּמְט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן? וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין מִקְרֶה לַיְלָה קוּמְט פוּן אַרוּם גֵיין שְׁטֶענְדִיג דֶערְבִּיטֶערְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן 'פְּגַם הַבְּרִית', וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה (לִילִי"ת דִי נוּקְבָא פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם) וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן, וַוייל דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - 'וֵויינֶען'.

אַז דוּ פְרֶעגְסְט: "וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?" זָאג אִיךְ דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מָאנְט נָאר אֵיין זַאךְ פוּן דִיר: "דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ", בִּפְרַט בִּשְׁעַת דוּ טוּסְט אַ מִצְוָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ט:), רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָא: וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ בַּאגְרִיסְן מַיין בְּרוּדֶער רַב בְּרוֹנָא, "דְּאָדָם גָּדוֹל הוּא", וַוייל עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, "וְשָׂמֵחַ בְּמִצְוֹת", אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט. "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְּאוּלָּה לִתְפִלָּה וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא", אֵיין מָאל הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי הֲלָכָה פוּן סוֹמֵךְ זַיין גְּאוּלָּה לִתְפִלָּה אוּן זַיין שְׁמֵייכְל אִיז אִים נִישְׁט אַרָאפּ פוּן פָּנִים אַ גַאנְצְן טָאג; דָאס אִיז אַן אָדָם גָּדוֹל, דֶער וָואס פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט אוּן מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, וִוי סְמִיכוּת גְּאוּלָּה לַתְּפִלָּה הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג.

בֶּאֱמֶת פְרֶעגְן אַלֶע אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה (עַיֵּין תּוֹסֶפֶת, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "כָּל"): יֶעדֶער אִיז דָאךְ סוֹמֵךְ גְאוּלָה לִתְפִלָּה, וָואס אִיז דִי רְבוּתָא פוּן רַב בְּרוֹנָא "דְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא"?! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן א) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י:) אַז חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְאוּלָה לַתְּפִלָּה, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי פְּשַׁט אִיז: "שֶׁגָּאַל אֶת הַתְּפִילָה מִן הַגָּלוּת", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דִי תְּפִלָּה פוּן גָלוּת; עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אַז מֶען קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גְאוּלָה. דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָא, "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְאוּלָה לִתְפִלָּה, וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא", עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְאוּלָה לִתְפִלָּה.

דֶער עִיקָּר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה. וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִיז נָאר וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; שִׂמְחָה אִיז דֶער וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע צָרוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...